האָבן אים באַדינט; און אַ סך אַנדערע פֿרויען, וואָס
זענען אַרויפֿגעגאַנגען מיט אים קיין ירושלים.
42 און ווען עס איז שוין געוואָרן אָוונט, ווײַל עס
איז געווען ערב שבת, דאָס הייסט אַ טאָג פֿאַר שבת,
43 איז געקומען יוסף הרמתי, אַן אָנגעזעענער יועץ,
וואָס האָט אַליין אויך געהאָפֿט אויף גאָטס קעניגרייך,
און האָט זיך אונטערגעשטעלט אַרײַנצוגיין צו
44 פּילאַטוסן, און געבעטן ישועס גוף. פּילאַטוס
אָבער האָט זיך געוואונדערט, אַז ער איז שוין
געשטאָרבן; און האָט גערופֿן צו זיך דעם אָפֿיציר,
און אים געפֿרעגט, צי ער איז שוין לאַנג טויט.
45 און דערוויסנדיק זיך פֿונעם אָפֿיציר, האָט ער יוספֿן
46 געשענקט דעם גוף. און ער האָט געקויפֿט אַ לײַלעך,
האָט אים אַראָפּגענומען, און אים אײַנגעוויקלט
אין דעם לײַלעך, און אַרײַנגעלייגט אין אַ קבר,
וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין אַ פֿעלזן; און
האָט אַרויפֿגעקײַקלט אַ שטיין אויף דעם אַרײַנגאַנג
47 צום קבר. (ישעיהו נג, ט.) און מרים פֿון מגדלה
און מרים, יוסיס מוטער, האָבן געזען וואו ער איז
געלייגט געוואָרן.

## קאַפּיטל זעכצן

1 און ווען עס איז געוואָרן אויס שבת, האָבן מרים
פֿון מגדלה, און מרים, די מוטער פֿון יעקבֿ,
און שלומית געקויפֿט געווירצן, כּדי זיי זאָלן
2 אַהינגיין אים צו זאַלבן. און זייער פֿרי דעם ערשטן
טאָג פֿון דער וואָך, קומען זיי צום קבר, ווען די
3 זון איז אויפֿגעגאַנגען. און האָבן געזאָגט איינע
צו דער אַנדערער: ווער וועט אַראָפּקײַקלען פֿאַר
אונדז דעם שטיין פֿון דעם אַרײַנגאַנג צום קבר?